בעזרת השם יתברך

פרשת שופטים
ו' אלול שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 34
(49)

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת גליון

## פאר'ן שבת טיש



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת עֵקֶב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ סִיּוּם "הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית" פוּן אַ בָּחוּר אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה ... נֵרוֹ יָאִיר, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה י', מִבֶּערְגִיר וְעָנִי.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר גֶעוָואלְט דָארְט אַוֶועק זִיצְן. אוּן עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּער לֶעבְן דִי וֶועלְט. וָוארְן סֶע אִיז אִים דָארְט גוּט גִיוֶוען. וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ גִיהַאט דִי פֵּירוֹת צוּ עֶסְן. אוּן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען. אוּן אַמָאל פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס גֵיין אוּן פְלֶעגְט זִיךְ שִׁיסְן מִיט זַיין בּוֹיגְן אַ הָאז אָדֶער אַ הֶערְשׁ הָאט עֶר גִיהַאט פְלֵייש צוּ עֶסְן. אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט חַאפְּן פִישׁ וָוארְן דָארְט אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר גוּטֶע פִישׁ אִין דֶעם וַואסֶער. אִיז אִים גִיפֶעלְן אַז עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּער לֶעבְן זַיינֶע יָארְן.

אוּן דֶער קֵיסָר. נָאךְ דֶעם אַז סֶע אִיז שׁוֹין גִיטָאן גִיוָוארְן דֶער מִשְׁפָּט אִין דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן אוּן עֶר אִיז אִים שׁוֹין פָּטוּר גִיוָוארְן (וָוארְן דֶער קֵיסָר הָאט גִימֵיינְט אַז מֶען הָאט טַאקֶע בֶּאֱמֶת אַזוֹי גִיטָאן דֶעם מִשְׁפָּט אִין דֶעם בָּחוּר אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט דָא) הַיינְט קָאן עֶר שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ טָאן מִיט זַיין טָאכְטֶער.

### אַ שִׁידוּךְ צְווִישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער שִׁידוּךְ וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָא גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן שִׁידוּךְ צְווִישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי 'שִׁידוּךְ' - וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּקְלֶעבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין נָאנְט מִיט אִים.

הָאט מֶען אִיר אָנְגִיהוֹיבְן צוּ רֵיידְן שִׁידוּכִים. מִיט דֶעם מֶלֶךְ אוּן מִיט דֶעם מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט אִיר גִימַאכְט אַ הוֹיף אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז. אוּן זִי אִיז דָארְט גִיזֶעסְן. אוּן זִי הָאט זִיךְ גִינוּמֶען פַּאנֶעם שְׂרָרוֹת טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן מִיט אִיר זַיין. אוּן זִי אִיז דָארְט גִיזֶעסְן. אוּן זִי פְלֶעגְט שְׁפִּילְן אוֹיף כְּלֵי שִׁיר אַזוֹי וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז. אוּן וָואס מֶע הָאט אִיר גִירֶעט שִׁידוּכִים. הָאט זִי אַלֵיין גִיעֶנְפֶערְט. אַז זִי ווִיל נִיט קֵיין רֵייד דְהַיינוּ מֶע זָאל רֵיידְן דֶעם שִׁידוּךְ. נָאר עֶר זָאל אַלֵיין קוּמֶען (דְהַיינוּ דֶער וָואס עֶר ווִיל זִי נֶעמֶען) אוּן זִי הָאט זֵייעֶר וואוֹיל גִיקָאנְט חָכְמַת הַשִּׁיר (דְהַיינוּ דִי חָכְמָה מֶע זָאל רֵיידְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע לִידֶער מִיט גְרוֹיס חָכְמָה). אוּן זִי הָאט גִימַאכְט מִיט מְלָאכוֹת אֵיין אָרְט. וָואס עֶר זָאל אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט (דְהַיינוּ דֶער וָואס עֶר ווִיל זִי נֶעמֶען) אוּן עֶר זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן אַ קֶעגְן אִיר. אוּן עֶר זָאל רֵיידְן אַ שִׁיר. דְהַיינוּ אַ שִׁיר שֶׁל חֵשֶׁק אַזוֹי וִוי אַ חָשׁוּק רֶעט צוּ זַיין חְשׁוּקָה (דְהַיינוּ רֵייד פוּן לִיבְּשַׁאפְט).

זֶענֶען גִיקוּמֶען מְלָכִים זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין. אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט. אוּן זֵיי הָאבְּן גִירֶעט אִיטְלִיכֶער זַיין שִׁיר. הָאט זִי אַ טֵייל אַרוֹיס גִישִׁיקְט אַ תְּשׁוּבָה דָארְךְ אִירֶע פַּאנֶעם. אוֹיךְ מִיט אַ שִׁיר אוּן מִיט

## חִינוּךְ וִוינְקְל

גענומען פונעם קונטרס 'אויפבויען קינדער'

### וואוּיל אִיז עֶנְק

אִין פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ זֶעט מֶען אִין רַשִׁ"י מוֹרָא'דִיגֶע חִיזּוּק פַאר מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְכוֹת. דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר ח, ו): "קַח אֶת הַלְוִיִּם מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ: "נֶעם דִי לְוִיִּם פוּן צְווִישְׁן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער". זָאגְט רַשִׁ"י: "קָחֶם בִּדְבָרִים", דָאס מֵיינְט, דוּ זָאלְסְט זֵיי צוּצִיהְעֶן דוּרְךְ וֵוייכֶע רֵייד, אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶענְדִיג זֵייעֶר חֲשִׁיבוּת, זָאגֶענְדִיג צוּ זֵיי: "אַשְׁרֵיכֶם שֶׁתִּזְכּוּ לִהְיוֹת שַׁמָּשִׁים לַמָּקוֹם", וואוּיל אִיז עֶנְק אַז עֶטְץ הָאטְס זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּאדִינֶערְס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁפֶּעטֶער אִין פַּרְשָׁה זָאגְט רַשִׁ"י נָאכְאַמָאל דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַלֵיין טְרָאגְן דִי גַאנְצֶע לַאסְט פוּן דִי אִידְן, וַוייל זֵיי הֶערְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אָפְּצוּרֶעדְן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְן דִי קוּמֶענְדִיגֶע פָּארְשְׁלַאג פוּן אוֹיפְנֶעמֶען סַנְהֶדְרִין וָואס זָאלְן טְרָאגְן דִי לַאסְט צוּזַאמֶען מִיט אִים, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר יא, טז): "וַיֹּאמֶר ה' אֶל משֶׁה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ משֶׁה, "אֶסְפָה לִּי שִׁבְעִים אִישׁ", זַאמֶעל אֵיין פַאר מִיר זִיבֶּעצִיג מַאן, "מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל", פוּן דִי חָשׁוּבֶ'עֶ לַייט פוּן דִי אִידְן, ... "וְלָקַחְתָּ אֹתָם אֶל אֹהֶל מוֹעֵד", אוּן דוּ זָאלְסְט זֵיי נֶעמֶען צוּ דֶעם אֹהֶל מוֹעֵד, "וְהִתְיַצְּבוּ שָׁם עִמָּךְ", זֵיי זָאלְן זִיךְ דָארְט שְׁטֶעלְן מִיט דִיר. זָאגְט רַשִׁ"י: "קָחֶם בִּדְבָרִים", דָאס מֵיינְט, דוּ זָאלְסְט זֵיי צוּצִיהְעֶן דוּרְךְ וֵוייכֶע רֵייד, אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶענְדִיג זֵייעֶר חֲשִׁיבוּת, זָאגֶענְדִיג צוּ זֵיי: "אַשְׁרֵיכֶם שֶׁנִּתְמַנִּיתֶם פַּרְנָסִים עַל בָּנָיו שֶׁל מָקוֹם", וואוּיל אִיז עֶנְק אַז עֶטְץ הָאטְס זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְגֶענוּמֶען צוּ וֶוערְן אַלְס פִּירֶערְס אוֹיף דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ זָאגְט רַשִׁ"י (שָׁם פָּסוּק יז) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן פַארְטְרָאגְן דִי שְׁוֶועריְקֵייט פוּן דִי אִידְן, וָואס זֵיי שְׁפֵּייעֶן צוּרִיק אוּן הָאבְּן נָאר טַעֲנוֹת אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען טוּט מִיט זֵיי, אוּן זֵיי גֶעלָאזְט וִויסְן דִי גְרוֹיסֶע שְׂכַר וָואס דִי וָואס הֶעלְפְן אִידְן בַּאקוּמֶען אִין עוֹלָם הַבָּא (רַשִׁ"י לְהַלָּן כז, כב).

דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן, פַאר אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִין 'חִינוּךְ'; מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס, מְנַהֲלִים אוּן מְנַהֲלוֹת, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע וָואס הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט חִינוּךְ, דַארְפְן וִויסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן זֵייעֶר פָּאסְטְן, אַז זֵיי זֶענֶען אַ בַּאדִינֶער פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### יֶעדֶעס וָוארְט גֵייט אַרַיין אִין זֵיי

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ לֶערֶערִין, זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל שְׁפִּירְט מֶען וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט

ליבשאפט. און א טייל וואס זיי זענען איר מער געפעלן. האט זי זיי אליין גיענטפערט. און זי האט אויפגיהויבן איר קול מיט א שיר. און זי האט אים גיענטפערט אויך רייד פון ליבשאפט. און צו א טייל וואס זיי זענען איר נאך בעסער גיפעלן האט זי זיך אליין ארויס גיוויזן פנים אל פנים. און זי האט ארויס גיוויזן איר פנים. און זי האט אים גיענטפערט א שיר מיט ליבשאפט. און צו אלע האט זי אליין אויס גילאזט צום סוף. די וואסערן זענען אבער איבער דיר ניט אריבער גיגאנגען. און סע האט קיינער ניט פארשטאנען וואס זי מיינט.

## די זיבן וואסערן

א מענטש וואס וויל זוכה זיין זיך משדך זיין מיט'ן אייבערשטן, ער וויל נכלל ווערן צום אייבערשטן, ער וויל נאנט ווערן מיט'ן אייבערשטן, דארף ער זיך אנגארטלן מיט שטארקייט ער זאל זיך באהעפטן צום אייבערשטן אין אלע זיינע צייטן, אפילו ווען מען פרובירט אים אויס פון הימל מיט שווערע נסיונות, ברוחניות און בגשמיות, ער גייט אריבער זיבן וואסערן, פון איין נסיון צום צווייטן און אזוי ווייטער, פון דעסט וועגן דאך וועט ער זיך ווייטער שטארק אנכאפן אינעם אייבערשטן נישט פארלירן זיין אמונה און פארזיכערונג אינעם אייבערשטן - אזא איינער וועט זוכה זיין עס זאל ווערן א שידוך צווישן אים און דעם אייבערשטן, ער וועט ווערן נאנט צום אייבערשטן. דאס האט די בת מלך געזאגט פאר אלע וואס האבן זיך געוואלט משדך זיין מיט איר: **"די וואסערן זענען אבער איבער דיר נישט אריבער געגאנגען"**, ווייל ווילאנג דער מענטש גייט נישט אריבער זיינע וואסערן - וואס דאס זענען זיינע נסיונות - און שטארקט זיך דערויף, קען מען נאכנישט וויסן צי ער וועט זוכה זיין צום שידוך, צו די אמת'ע דביקות אינעם אייבערשטן, נאר ווען דער מענטש גייט אריבער שוועריקייטן צרות און יסורים, און פון דעסט וועגן דערהאלט ער זיך ביים אייבערשטן, ער פארלירט נישט זיין האפענונג אינעם אייבערשטן - דאן וועט ער זוכה זיין עס זאל ווערן א שידוך צווישן אים אינעם אייבערשטן, אז ער וועט ווערן נאנט צום אייבערשטן.

## הייליגער באשעפער מיר האבן דיר זייער ליב...

עס איז דא א שיינע ניגון וואס מען זינגט: "הייליגער באשעפער מיר האבן דיר זייער ליב..." עס איז גאר א שיינע ניגון, אבער דאס צו זינגען אין א רואיגע צייט, ווען אלעס גייט ווי אזוי געפלאנט פון פאראויס, ווייזט נישט אז דער מענטש האט טאקע ליב דעם אייבערשטן, יעצט זינגט זיך דאס, ווייל אלעס גייט אים ווי אזוי ער וויל. דער עיקר שיינקייט פון א איד איז אז ער האלט זיך אן שטארק ביים אייבערשטן, מיט זיין אמונה און בטחון, אפילו ווען ער גייט אריבער שווערע צייטן, ער האט גארנישט, מען האט אים אלעס צוגענומען, ער פילט זיך איינער אליין וכו' וכו', און נאכאלץ זינגט ער דעם ניגון צום אייבערשטן: "הייליגער באשעפער מיר האבן דיר זייער ליב..." ער האט נישט קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן, ווייל ער ווייסט אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט - דאס איז דאס גרעסטע שיינקייט פון א איד, צו זען וויאזוי ער דערהאלט זיך אזוי שטארק און פעסט.

## א געפרעגלטן איד

אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן (חיי מוהר"ן, סימן תקנה): **"דו ווייסט וועם דער אייבערשטער האט ליב? דער אייבערשטער האט ליב א געפרעגלטן איד"**; א מענטש וואס עס גייט אריבער אויף אים ביטערע שווערע נסיונות, ער פילט ווי ער דערטרענקט זיך אין זיינע איבערגייעכץ, אבער ער דערהאלט זיך, וואס עס גייט אויף אים אריבער איז ער מקבל באהבה און האט נישט קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן, ער גייט נישט אוועק פון די אמונה, אזא איינער איז באליבט אויבן אין הימל, דער אייבערשטער פריידט זיך מיט אים, און דאן איז ער זוכה צום 'שידוך', אז ער איז זוכה צו שפירן דאס נאנטקייט און דביקות צום אים אינעם אייבערשטן, אז ער וועט ווערן נאנט צום אייבערשטן.

די דיבורים זאלן עפעס אויפטון, מען טראכט 'וויפיל מאל דארף איך עס איבערזאגן? ווען גייען די קינדער שוין הערן וואס איך רעד?!' און אסאך מאל טראכט מען 'אפשר בין איך נישט א גוטער מחנך?' 'אפשר בין איך נישט א גוטע לערערין?'

דערפאר דארף מען אסאך חיזוק אויף דעם, צו וויסן אז יעדעסווארט וואס מען רעדט צו די קינדער גייט אריין אין זיי, די קינדער וועלן עס אננעמען, אסאך מאל נעמען זיי עס אן גלייך און אסאך מאל נעמען זיי עס אן שפעטער.

## אן הבטחה פונעם אייבערשטן

ווען מען רעדט צו קינדער הערן זיי אויס, דאס איז אן הבטחה פונעם אייבערשטן; ווען דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו: "דבר אל בני ישראל", גיי רעד צו די אידן, ליגט אין דעם א הבטחה, אז יעדעס מאל וואס א רבי, א מלמד, א לערערין, א מחנך, א מחנכת וכדומה, רעדט צו מענטשן, סיי עלטערע און סיי יונגערע, נעמען זיי עס אן, אפילו מען זעט נישט גלייך אן ווי מען נעמט עס אן.

## רעדן מיט שכל און דעת

אבער עס איז דא צייטן וואס די קינדער וועלן זיכער נישט אננעמען וואס מען רעדט צו זיי, אפילו אויך נישט אויף שפעטער, ווען? אויב מען רעדט עס נישט אויף די ריכטיגע וועג, מען רעדט עס נישט ארויס מיט שכל, דאן קען זיין אז די גאנצע דרשה איז געווען סתם ארויסגעווארפן צייט אומזיסט, די גאנצע פרקי אבות, די גאנצע שיעור וואס דו האסט זיך פארגעקוקט, איז סתם געווען ארויסגעווארפן צייט אומזיסט, ווייל מען דארף רעדן מיט שכל און דעת (עיין לקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כט).

וואס הייסט רעדן מיט שכל און דעת? מען זאל רעדן פאזעטיוו; אפילו ווען מען געבט מוסר, אפילו ווען מען זאגט פאר קינדער ווי אזוי מען דארף זיך פירן, דארף עס אויך צוגיין מיט א פאזעטיווקייט, און דאן וועלן עס די קינדער זיכער אננעמען, אפילו מען זעט עס נישט גלייך ווי זיי נעמען עס אן.

## ראטעווען זייער גאנצע לעבן

אויף דעם בין איך ענק געקומען מחזק זיין, מען האלט שוין סוף יאר, (עס איז נאך געבליבן געציילטע וואכן צו ענדיגן דאס יאר) יעצט קען מען נאך אסאך פארריכטן, יעצט קען מען נאך אסאך אנגרייטן די קינדער פאר די לעבן; איך ווייס נישט וועלכע קינדער גייען צוריק קומען קומענדיגע יאר, איך ווייס נישט ווער פון די עלטערן גייען באשליסן אז די סקול איז צו פרום פאר זיי... און זיי וועלן נישט צוריק שיקן אהער זייערע קינדער קומענדיגע יאר, [פאר אונז איז עס נאר א מעלה, עס איז גרינגער זיך אפצוגעבן מיט א קלענערע צאל קינדער. די רחמנות זענען אבער די קינדער...] איך ווייס נישט וואו די קינדער גייען אנקומען, צו וועלכע סקול, קען זיין מען גייט דארט נישט רעדן פונעם אייבערשטן, אדער קען חס ושלום זיין אז עפעס ווארט זיי אפ אין לעבן השם ישמרינו, דארפן די לערערינס טראכטן 'די פאר מאל וואס איך קום נאך אריין צו זיי, און די פאר ווערטער וואס איך גיי נאך רעדן צו זיי - אפשר וועט דאס זיי שפעטער ראטעווען זייער גאנצע לעבן'.

## אריינלייגן אין די קינדער 'אמונה'

די מנהלת פרעגט מיר, אין וואס דארף מען זיך יעצט - אין די לעצטע דריי וואכן פון סקול - קאנצעטרירן, וואס איז דער עיקר אויף וואס מען דארף זיך פארלייגן? דער תשובה דערויף איז, דער עיקר דארף מען יעצט זען אריינצולייגן אין די קינדער 'אמונה', גלייבן אינעם אייבערשטן.

אויפבויען די קינדער

אויך דארף מען זען יעצט אויפצובויען די קינדער; מען לערנט דעם לימוד וואס מען לערנט, צי איז עס עברי, רעכענען, אויסלערנען שרייבן אדער נייען וכדומה,

אֵייבֶּערְשְׁטְן.

און אַז זי הָאט אַרוֹיס גִיוויזְן אִיר פָּנִים פְּלֶעגְט מֶען אַנִידֶער פַאלְן מַחְמַת גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט. און אַ טֵייל זֶענֶען גִיבְּלִיבְּן חַלָשׁוֹת און אַ טֵייל זֶענֶען מְשׁוּגָע גִיוָוארְן מַחְמַת חוֹלַת אַהֲבָה מַחְמַת אִיר גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט וָואס סֶע אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר ווִילְד גִיוֶוען. און פוּן דֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט הָאטְשֶׁע זֵיי זֶענֶען מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן און זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן חַלָשׁוֹת. פוּנֶדעסְטְוֶועגְן פָּארְט פְלֶעגְן מְלָכִים קוּמֶען אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִיר. און זִי הָאט זֵיי אַלֶע אַזוֹי אָפּ גִיעֶנְפֶערְט כַּנַ"ל.

און דֶער זוּן פוּן דֶעם בֶּערְגֶער הַנַ"ל. אִיז זִיךְ דָארְט גִיזֶעסְן אוֹיף דֶעם אָרְט (הַנַ"ל) און עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גִימַאכְט אֵיין אָרְט צוּ זִיצְן דְרִינֶען. און עֶר אִיז זִיךְ דָארְט גִיזֶעסְן. און עֶר הָאט אוֹיךְ גִיקָאנְט שְׁפִּילְן און עֶר הָאט גִיקֶענְט חָכְמַת הַשִׁיר. הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן הָאלְץ וָואס מֶע קָאן דְרוֹיס מַאכִין כְּלֵי שִׁיר (דְהַיְינוּ כֵּלִים וָואס מֶע שְׁפִּילְט אוֹיף זֵיי) און עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט כְּלֵי שִׁיר. און פוּן דִי אָדֶערְן פוּן דִי חַיוֹת הָאט עֶר זִיךְ גִימַאכְט סְטְרִינֶעס. און עֶר פְלֶעגְט זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן.

### מוּזִיק אָדֶער וִוי מַאן און וַוייבּ קְרִיגְן זִיךְ?...

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, דֶער זוּן פוּנֶעם בֶּערְגֶער אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, ווִי עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן אֵיינֶער אַלֵיינְס פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, קוּמֶענְדִיג צוּ אַ ווִיסְטֶע מִדְבָּר און זֶעט נִישְׁט קַיין אוֹיסְוֶועג עֶר זָאל נָאךְ אַמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ וְכוּ', הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּילְן און זִינְגֶען! וַוייל דָאס שְׁפִּילְן און זִינְגֶען מִיט כְּלֵי שִׁיר - לֶעבְּט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס גֶעבְּט אִים כֹּחַ עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעג): **"טוֹב לְהָאָדָם לְהַרְגִיל אֶת עַצְמוֹ, שֶׁיּוּכַל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם אֵיזֶה נִגּוּן, כִּי נִגּוּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל וְגָבוֹהַּ מְאֹד מְאֹד, וְיֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר וּלְהַמְשִׁיךְ אֶת לֵב הָאָדָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ"**, עֶס אִיז גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט אַ נִיגוּן, וַוייל אַ נִיגוּן אִיז זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע זַאךְ, און מִיט אַ נִיגוּן קֶען מֶען זִיךְ עֶפֶענֶען דָאס הַאַרְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז גוּט צוּ זִינְגֶען נִיגוּנִים וָואס זֶענֶען מְעוֹרֵר דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע מוּזִיק און סְפִּיקֶערְס און מֶען זָאל זִינְגֶען און טַאנְצְן מִיט דִי קִינְדֶער. אֶפְשָׁר פַּאסְט נִישְׁט אַז אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל רֶעדְן פוּן הָאבְּן סְפִּיקֶערְס אִינְדֶערְהֵיים... - אָבֶּער דָאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, וַוייל דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ און דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זָאלְן זַיין לֶעבֶּעדִיג און פְרֵיילִיךְ.

אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט, בֶּעפָאר עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן זַיין דִירָה הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיין לֶענְדְלָארְד עֶר זָאל אַרַיין נֶעמֶען אַנְשְׁטָאט אִים אֵיינֶער פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים, אוֹיךְ אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה, הָאט אִים דֶער לֶענְדְלָארְד גֶעזָאגְט: "מֶער נֶעם אִיךְ נִישְׁט אַרַיין קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מִשְׁפָּחוֹת אִין מַיינֶע דִירוֹת, זֵיי הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ טַאנְצְן און זִיךְ פְרֵייעֶן, שְׁטֶענְדִיג הֶערְט מֶען אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר דִירָה הוֹיכֶע מוּזִיק און דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר..." הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס אִיז עֶנְדֶערְשׁ מֶען זָאל אַרוֹיסְהֶערְן פוּן אַ דִירָה, מוּזִיק אָדֶער ווִי מַאן און וַוייבּ קְרִיגְן זִיךְ?..." הָאט דֶער לֶענְדְלָארְד זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "בִּיסְט גֶערֶעכְט", און אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶס עֶנְדֶערְשׁ פַארְדִינְגֶען פַאר יֶענֶעם חָבֵר; וַוייל אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען הֶערְט דָארְט שְׁטֶענְדִיג מוּזִיק - דָארְט הֶערְשׁ פְרֵיילִיכְקֵייט, דָאס לֶעבְּט אוֹיף דִי אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ.

און עֶר פְלֶעגְט נֶעמֶען דָאס כְּתָב וָואס עֶר הָאט גִיהַאט וָואס זִי הָאט אִים גִישִׁיקְט (דֶעמָאלְט אַז עֶר אִיז גִיוֶוען אִין דֶער שִׁבְיָה) און עֶר הָאט זִיךְ גִיזוּנְגֶען און גִישְׁפִּילְט און עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן. און ווִי דֶער פָאטֶער אִיז גִיוֶוען אַ בֶּערְגֶער וְכוּ' און הַיינְט אִיז אָבֶּער דִירֶעקְט און אוּמְדִירֶעקְט דַארְף מֶען גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן!" "דוּ קֶענְסְט יָא!" "דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין!" "דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט!" "דוּ שְׁרַייבְּסְט שוֹין שֶׁענֶער פוּן פָארִיגֶע מָאל און דוּ גֵייסְט קֶענֶען נָאךְ בֶּעסֶער!"

עֶס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער; לֵיידֶער זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וואוּ דִי עֶלְטֶערְן הַרְגְ'עֶנֶען דִי קִינְדֶער, זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען נִישְׁט מִיט דִי הֶענְט, מִיט דִי הֶענְט וָואלְט נָאךְ גוּט גֶעוֶוען, וַוייל דָאס קִינְד כַאפְּט אַ פַּאטְשׁ און גֶעעֶנְדִיגְט, דָאס שַׁאדְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶּער דָאס אַז עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן אוֹיף קִינְדֶער: "מְשׁוּגֶע'נֶע!"... "מְשׁוּגֶע'נֶע!"... "מְשׁוּגֶע'נֶע!"... "צֶעדְרֵייטֶע!"... "צֶעדְרֵייטֶע!"... "צֶעדְרֵייטֶע!"... - דָאס שֶׁעדִיגְט דִי קִינְדֶער אוֹיף אֵייבִּיג רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז אַ מֵיידְל זָאגְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵייעֶן", זָאלְט אִיר עֶנְטְפֶערְן: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ קֶענֶען!" מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "זָאג נִישְׁט 'אִיךְ קֶען נִישְׁט' וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אָז מֶען קֶען נִישְׁט, זָאג 'אִיךְ ווִיל נִישְׁט'; וַוייל אַז מֶען ווִיל קֶען מֶען".

אַז אַ מֵיידְל זָאגְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעכֶענֶען, אִיךְ הָאבּ שוֹין אַזוֹיפִיל מָאל פְּרוּבִּירְט און עֶס גֵייט נִישְׁט", זָאלְט אִיר עֶנְטְפֶערְן: "פְּרוּבִּיר נָאכְאַמָאל, פְּרוּבִּיר אֶפְשָׁר אוֹיף דֶעם וֶועג, אָדֶער אֶפְשָׁר אוֹיף אַ אַנְדֶערֶע וֶועג".

אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט מִיר: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן, מַיין וַוייבּ הַאלְט אִין אֵיין שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער "מְשׁוּגֶע'נֶע!"... "צֶעדְרֵייטֶע!"... דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶעשֶׁעדִיגְט דֶערְפוּן, זָאל אִיךְ זִיךְ דֶערְפַאר גֶטְ'ן?!" זָאג אִיךְ אִים: נֵיין; מֶען גֶט זִיךְ נִישְׁט צוּלִיבּ דֶעם, וָואס דֶען זָאל מֶען טוּן, זָאל מֶען אַיינְשְׁפַּארְן דִי מַאמֶע אִין אַ מְשׁוּגָעִים הוֹיז? אֵיין זַאךְ קֶען מֶען טוּן, אַז אִין חֵדֶר און אִין סְקוּל וֶועט מֶען זֵיי הֶעלְפְן, מֶען וֶועט זֵיי אַזוֹיפִיל מָאל זָאגְן: "דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט", דוּ בִּיסְט אַזוֹי זִיס", "דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען", "דוּ בִּיסְט אַזוֹי וואוֹיל", דַאן וֶועט זֵיי שוֹין נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס וָואס זֵיי הֶערְן אִינְדֶערְהֵיים: "מְשׁוּגֶע'נֶע!"... "צֶעדְרֵייטֶע!"...

קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וואוּ מֶען לָאזְט זֵיי נִישְׁט לֶעבְּן, וואוּ מֶען לָאזְט זֵיי נִישְׁט אָטֶעמֶען, מֶען זָאגְט זֵיי: "דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן"... "מְשׁוּגֶע'נֶע"... וְכַדוֹמֶה, וֶוערְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, און אַ קִינְד וָואס אִיז אִינֶעווֵיינִיג צֶעבְּרָאכְן מִיט אַזַא קִינְד קֶען מֶען שוֹין גָארְנִישְׁט טוּן, זִי וֶועט נָאר זוּכְן זִיךְ אָנְצוּטוּן מֶער פְּרָאסְט און מֶער אוֹיפְפַאלְנְד. דָאס וָואס מֶען זֶעט לֵיידֶער קִינְדֶער זוּכְן אַוֶועקְצוּלוֹיפְן פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג, דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט זֵיי צֶעבְּרָאכְן.

אִיךְ הָאבּ דָא אַ קִינְד אִין דִי מוֹסָד אַ עֶלְטֶערֶע תַּלְמִידָה, זִי זָאגְט מִיר שְׁטִילֶערְהֵייט: "אִיךְ גֵיי אָפְּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט, אִיךְ גֵיי זִיךְ אוֹיסְטוּן מַיין צְנִיעוּת"; עֶס אִיז אַזַא רַחְמָנוּת, זִי אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, נָאר זִי זֶעט יֶעדְן טָאג ווִי טַאטֶע מַאמֶע שְׁלָאגְן זִיךְ הֶענְט און פִּיס, דִי מַאמֶע שְׁרֵייט: "אִיךְ גֵיי זִיךְ גֶטְ'ן", דָאס אִיז אִיר גַאנְצֶע לֶעבְּן, זִי הֶערְט אִירֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן פוּן זִיךְ גֶטְ'ן, "וואוּ גֵייסְטוּ גֵיין, וואוּ גֵיי אִיךְ גֵיין און וואוּ גֵייעֶן דִי קִינְדֶער גֵיין?" אַזַא קִינְד ווִיל שוֹין פוּן גָארְנִישְׁט הֶערְן, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ ווִי אַ שְׁלֶעכְט קִינְד, עַל פִּי תּוֹרָה גֶעבְּט מֶען נִישְׁט קַיין עוֹנֶשׁ פַאר אַ קִינְד, אֲפִילוּ אַ קִינְד זָאל טוּן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ קֶען מֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן, וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶען דַארְף אִים נָאר מְחַנֵךְ זַיין. און אֲפִילוּ פוּן דִי דְרַייצְן יָאר, גֶעבְּט מֶען אוֹיךְ נָאכְנִישְׁט קַיין עוֹנֶשׁ נָאר אַז מֶען הָאט גֶעוָוארְנְט מִיט צְוֵויי עֵדִים; אַ קִינְד אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, אַ קִינְד הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין שֵׂכֶל, נָאכְאַמָאל זָאגְן: "אַזוֹי טוּט מֶען", "אַזוֹי דַארְף מֶען טוּן", "דָאס טוּט מֶען נִישְׁט".

עֶר אַהֶער פַארְוָוארְפְן גִיוָוארְן. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִינוּמֶען דָאס כְּתַב אוּן הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ סִימָן אִין אַ בּוֹים. אוּן עֶר הָאט דָארְט אִין דֶעם בּוֹים גִימַאכְט אֵיין אָרְט. אוּן הָאט דָארְט דָאס כְּתַב בַּאהַאלְטְן. אוּן עֶר אִיז דָארְט גִיזֶעסְן אַ צַייט.

## נָאנְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן): דֶער 'כְּתַב' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי 'הֵיילִיגֶע תּוֹרָה', וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם בַּת מֶלֶךְ, פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ - וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'בְּרַתָּא דְמַלְכָּה'. אַז מֶען הַאלְט זִיךְ אָן אִינֶעם כְּתַב - אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּם 'שִׁידוּךְ', צוּ וֶוערְן נָאנְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ רוּאִיגְקֵייט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ

אוֹיךְ גֶעבְּט לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ רוּאִיגְקֵייט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער תַּרְגוּם פוּנֶעם פָּסוּק (שׁוֹפְטִים ה, לא) "וַתִּשְׁקֹט הָאָרֶץ", אוּן דֶער עֶרְד הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט, אִיז: "וּשְׁדִיכַת אַרְעָא", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דָאס וָוארְט 'שִׁידוּךְ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן רוּאִיגְקֵייט, וַוייל לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּרֶענְגְט אַ 'יִשּׁוּב הַדַּעַת' אוּן אַ רוּאִיגְקֵייט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

## דֶעם פָּשׁוּטְ'ן פְּשַׁט פוּן 'שִׁידוּךְ'

אוֹיךְ גֶעבְּט לֶערְנֶען תּוֹרָה דֶעם פָּשׁוּטְ'ן פְּשַׁט פוּן 'שִׁידוּךְ'; אַ בָּחוּר וָואס אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, וֶועט אִים דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בְּרֶענְגֶען זַיין שִׁידוּךְ, זַיין רִיכְטִיגֶע זִוּוג; אוּן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט וֶועט אִים דִי תּוֹרָה גֶעבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר זָאל קֶענֶען לֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ. צוּ דָאס אַלֶעס אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע זִיסֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): וֶוען מֶען לֶערְנְט דַארְף מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל סְתָּם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט מֶען מִמֵּילָא פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט.

זַיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף פְרַייטָאג, נָאר הוֹיבּ שׁוֹין אָן אָנְהֵייבּ וָואךְ; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. לְכַתְּחִילָה דַארְף מֶען עֶנְדִיגְן דִי סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם פַאר מֶען גֵייט עֶסְן דִי סְעוּדָה שַׁבָּת צוּפְרִי, וַוייל מִיר גֶעפִינֶען אִין חֲזַ"ל אַז רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה פַאר זַיינֶע קִינְדֶער זַיי זָאלְן עֶנְדִיגְן דִי סֶדְרָה בֶּעפָאר זַיי גֵייעֶן עֶסְן דִי סְעוּדָה שַׁבָּת צוּפְרִי (עַיֵּין תּוֹסְפוֹת דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'יַשְׁלִים', בְּרָכוֹת ח.).

אַז מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט קֶען חָלִילָה גֶעשֶׁען מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, פְּלוּצְלִינְג דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ 'עֶס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה'! עֶס אִיז דוּרְךְ אַ גַאנְצֶע יָאר אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִצְלָן!

אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם וִוינְט. אוּן עֶר הָאט צוּ בְּרָאכְן אַלֶע בֵּיימֶער וָואס זַיי זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען. הָאט עֶר נִישְׁט גִיקָאנְט דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹים וָואס עֶר הָאט דָארְט בַּאהַאלְטְן דָאס כְּתַב. וָוארְן אַז דִי בֵּיימֶער זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען אוֹיף זֵייעֶר אָרְט. הָאט עֶר גִיהַאט אַ סִימָן צוּ דֶערְקֶענֶען. אָבֶּער הַיינְט אַז זַיי זֶענֶען אַיין גִיפַאלְן. אִיז דֶער בּוֹים פַארְמִישְׁט גִיוָוארְן צְווִישְׁן דִי אִיבְּרִיקֶע בֵּיימֶער וָואס סֶע אִיז דָארְט גֶעוֶוען זֵייעֶר פִיל הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹים אוּן דָאס אִיז נִיט גִימָאלְט אַז מֶע זָאל אוֹיף שְׁפַּאלְטְן אַלֶע בֵּיימֶער אוּן מֶע זָאל זוּכְן דָאס כְּתַב וָוארְן סֶע גִיוֶוען זֵייעֶר פִיל בֵּיימֶער. הָאט עֶר זֵייעֶר גִיוֵויינְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גִיוֶוען.

## וֵויין כָאטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

וֶוען דֶער זוּן פוּנֶעם בֶּערְגִיר הָאט פַארְלוֹירְן דֶעם כְּתַב הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר וֵויינֶען. אִינְגֶעלַייט וֵויינֶען צוּ מִיר זַיי קוּמֶען נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען עֶפֶּעס בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, זַיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג, אַז מֶען כַאפְּט זִיךְ סוֹף טָאג אַז דֶער טָאג אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אָן קַיין אֵיין וָוארְט לִימּוּד הַתּוֹרָה... וָואס אִיז דִי עֵצָה? וֵויין כָאטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיין גַאנְצֶע טָאג פְּלִיט מִיר אַוֶועק אָן לִימּוּד הַתּוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה"**, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אֵיין טָאג וֶועט מֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּ דִי תּוֹרָה.

אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט דָא זִיצְן וֶועט עֶר בְּוַודְאַי מְשׁוּגָע וֶוערְן מֵחֲמַת גְרוֹיס צַעַר וָואס עֶר הָאט גִיהַאט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען עֶר מוּז אַוֶועק גֵיין וַוייטֶער. אוּן וָואס סֶע וֶועט זִיךְ שׁוֹין מִיט אִים טָאן לָאז זִיךְ טָאן. גֵיין אַוֶועק מוּז עֶר. וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין בְּלוֹיז מְסוּכָּן זֵייעֶר מֵחֲמַת גְרוֹיס צַעַר. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִינוּמֶען פְלֵיישׁ אוּן פֵּירוֹת אִין אַ זַאק אַרַיין. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען וִוי הִין עֶר וֶועט גֵיין. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים אִין דֶעם אָרְט וָואס עֶר אִיז פוּן דָארְט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

## מַסֶּכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל!

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: קוּקְט צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר הָאבְּן דָא הַיינְט אַ סִיּוּם פוּן הַבָּחוּר הַחָשׁוּב ... נֵרוֹ יָאִיר, וָואס הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מַסֶּכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, זַייעֶנְדִיג אִינְגַאנְצְן אַ בָּחוּר פוּן פוּפְצְן יָאר. עֶר הָאט דָאס שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט פַאר שַׁבָּת, נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן אַ קְלֵיינֶע סִיּוּם, מֶען זָאל דָאס נִישְׁט קֶענֶען אָפְּכַאפְּן... אָבֶּער וֶוען מִיר מַאכְן דִי גְרוֹיסֶע סִיּוּמִים אִיז דָאס נִישְׁט לְכָבוֹד דֶעם בָּחוּר וָואס הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען, נָאר דִי גַאנְצֶע צִיל אַז נָאךְ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען דֶערְפוּן, אַז מֶען קֶען עֶנְדִיגְן אַזוֹיפִיל בְּלֶעטֶער גְמָרָא; אוּן דָאס אַלֶעס אִיז אוֹיסֶער וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט פַארְטִיג, יֶעצְט הֵייבְּט עֶר אָן אַ אַנְדֶערֶע מַסֶּכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, עֶר הֵייבְּט אָן מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אוּן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם לֵיל שִׁישִׁי אִיז פָארְגֶעקוּמֶען נָאךְ אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס, פוּן אַ הַבָּחוּר הַחָשׁוּב ... נֵרוֹ יָאִיר, וָואס זִיצְט אוּן לֶערְנְט מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מִשְׁפָּחָה, דִי מִשְׁפָּחָה זַיינֶע אִיז צֶעפַאלְן וְכוּ' וְכוּ', דָאךְ הָאט עֶר דוּרְכְגֶעלֶערְנְט גַאנְץ שַׁ"ס - זֶעט מֶען פוּן דֶעם צוּ וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען אָנְיָאגְן אוֹיבּ מֶען נִיצְט אוֹיס דִי צַייט אוּן מֶען פָאלְגְט אַ צַדִּיק.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פַארְ'ן הִסְתַּלְקוּת, אַ בְּרִיוו פַאר דִי בָּחוּרִים, אוּן שְׁרַייבְּט דָארְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: **"אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר אַז אוֹיבּ אִיר ווִילְט עֶפֶּעס טוּן פַאר מַיין זְכוּת, זָאלְט אִיר נֶעמֶען סַיי וֶועלְכֶע מַסֶּכְתָּא גְמָרָא אִיר ווִילְט, אוּן אִיר זָאלְט דָאס אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל. אִיר זָאלְט מַזְכִּיר זַיין מַיין נָאמֶען וֶוען אִיר לֶערְנְט דִי מַסֶּכְתָּא, אוּן אִיר קֶענְט אַייךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי הוֹיךְ אִיר וֶועט מִיר אוֹיפְהֵייבְּן מִיט דֶעם"**, צוּם סוֹף פִּירְט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיס דֶעם בְּרִיוו: **"אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר אַייךְ אוֹיבְן אִין הִימְל; אִיךְ ווִאוּנְטְשׁ אַייךְ בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה"**.

## מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת!

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט אַזַא 'יִשּׁוּב הַדַּעַת', מִיט אַזַא רוּאִיגְקֵייט, אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אָפְּשְׁרַייבְּן פַאר זַיין פְּטִירָה אַזֶעלְכֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו, וואוּסֶענְדִיג אַז עֶר גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין גַאנְץ בְּקָרוֹב צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעזֶען זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע 'יִשּׁוּב הַדַּעַת' וֶוען עֶר אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶר ווִיל נִישְׁט נֶעמֶען דִי רְפוּאוֹת וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר יֶענֶע מַחֲלָה לֹא עָלֵינוּ, זָאגֶענְדִיג: "אִיךְ ווִיל אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת!" דָאס אִיז אַ צַדִּיק, זַיין גַאנְצֶע מֹחַ - מַחֲשָׁבָה אִיז נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.

לָאמִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זִיךְ אָנְכַאפְּן אִינֶעם 'כְּתַב' אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם 'שִׁידוּךְ', וֶוערְן נָאנְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס וֶועט זַיין שִׁידוּכִים מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ 'יִשּׁוּב הַדַּעַת', לֶעבְּן אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.